בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש




פרשת ואתחנן
נחמו

י"א אב שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 9


אריסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעהַאט אַ זוּן אַ חִגֵּר - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט שְׁטֵיין, פְלֶעגְן אִים דִי בְּרִידֶער הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט דֶער חִגֵּר בַּאשְׁלָאסְן עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ וָואגְן מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה אוּן אַ נֶאֱמָן, אוּן פָארְן קַיין לֵייפְּצִיג צוּ טוּן אִין מַשָּׂא וּמַתָּן. זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן, בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דֶער חִגֵּר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דָארְט נֶעכְטִיגְן, זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעפָארְן אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי גַזְלָנִים.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶער נֶאֱמָן אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאבִּין גִיקָאנְט אַנְטְלוֹיפֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָפִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן און שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: "אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ עֶר טְרַאכְט נָאךְ 'אִיךְ הָאבּ חֲבֵרִים', 'דֶער אִיז מִיר בַּאגְלֵייבְּט' וְכוּ' - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, צוּם סוֹף וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וִוי מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה: "דֶער נֶאֱמָן אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאבִּין גִיקָאנְט אַנְטְלוֹיפֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָפִין גִיוָוארִין, אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין"; חֲבֵרִים זֶענֶען נָאר גוּט צוּ דִיר וִוי לַאנְג עֶס גֵייט דִיר גוּט, אָבֶער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶועריְקֵייטְן וֶועלְן אַלֶע זִיךְ אַנְטְלוֹיפְן, פְּלוּצְלִינְג וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְזֶען אָן דַיינֶע נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אָבֶער אַז מֶען אִיז אָנְגֶעגְרֵייט מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה: "אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אִיךְ פְלֶעגְט אַסַאךְ אִיבֶּער נֶעכְטִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל בַּיי חוֹלִים לֹא עָלֵינוּ, אִין שְׁפִּיטָאל אִיז זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל דֶער חוֹלֶה זֶעט אַיין דֶעם אֱמֶת אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים דוּ הָאסְט נָאךְ גֶעצֵיילְטֶע וָואכְן אָדֶער טֶעג צוּ לֶעבְּן, וֶוערְט עֶר

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶער וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מ, א): "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", טְרֵייסְט דִיךְ טְרֵייסְט דִיךְ מַיין פָאלְק.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִיר זָאלְן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועְרֶע צָרָה, נִישְׁט סְתַם אַ צָרָה, נָאר גָאר אַ שְׁוֶועְרֶע אִיבֶּערְגַאנְג; מֶען הָאט דִיר אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַלֶע פֶענְסְטֶערְס, פַארְבְּרֶענְט דַיין שְׁטוּב, פַארְלָאשְׁן אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן, דִיר פַארְטְרִיבְּן אִין גָלוּת אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז פַארְטִיג, קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן זָאגְט: "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" - טְרֵייסְט דִיךְ, אִיךְ בִּין מִיט דִיר, אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן! דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז מִיט אוּנְז אוּן טְרֵייסְט אוּנְז.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶעם שַׁבָּת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז. דֶער עִיקָר טְרֵייסְט אִיז אַז מִיר הָאבְּן שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צב.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שְׁטֵייט; וָואס אִיז שֵׂכֶל? וָואס אִיז דַעַת? אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז דַעַת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ".

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מְקוֹרָב וֶוערְן אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא"שׁ לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן 'לֶעבְּן' מִיט אֱמוּנָה, נִישְׁט נָאר וִויסְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אָטֶעמֶען אֱמוּנָה; דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט עֶר אַ גוּט לֶעבְּן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרַיין כַאפְּן אִין דִי נֶעץ פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זוּכְט נָאר וִוי עֶר קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ עֲשָׂרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן עֶרְלִיכְקֵייט; שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס מִיר הָאבְּן אַז מִיר הָאבְּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ תשע"ח)

זייער דעפּרעסט, ווייל ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז ער איז איינער אליין, ער זעט דאס יעצט צום ערשטן מאל; ער האט געמיינט ער האט חברים, באגלייבטע, יעצט קען קיינער אים נישט העלפן נאר דער אייבערשטער; אבער ווען ער וואלט ווען געלעבט מיט דעם פון פאראויס, ער וואלט געוואוסט אז ער האט סיי ווי נאר דעם אייבערשטן וואלט ער נישט געווארן פארלוירן.

א מענטש וואס לעבט מיט דעם מחשבה: 'איך האב נאר דעם אייבערשטן' ווערט נישט צעבראכן פון זיינע איבערגייעכצער, שטענדיג דאנקט ער און לויבט דעם אייבערשטן; עס גייט אים גוט, ער איז געזונט - דאנקט ער דעם אייבערשטן, עס גייט אים נישט גוט, ער איז לא עלינו נישט געזונט - זוכט ער אויף דאס גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים אין די צרה, און דאנקט אויף דעם (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קצ"ה).

אבער דאס איז זייער שווער פאר'ן מענטש אריין צו נעמען אין קאפ: "וואס הייסט איך האב נישט קיינעם, זאל איך אלעס איבער לאזן און גיין וואוינען אין מדבר, איך האב דאך א ווייב, קינדער, חברים?"; ניין, דו דארפסט קיינעם נישט איבער לאזן, לעב ווייטער מיט דיין ווייב און קינדער, מיט דיינע חברים, אבער געדענק גוט דעם אמת: 'א מענטש האט נישט קיין חברים, א מענטש האט נאר דעם אייבערשטן'.

זענען די גזלנים צו אים גיקומען און האבין ביי אים אוועק גינומען דאס קעסטיל מיט געלד און האבן אים גיפרעגט. וואס זיצטו. האט ער גיענטפערט ער קאן ניט גיין. און זיי האבן ביי אים גיראבּיוועט דאס קעסטיל און די פערד. און ער איז גיבליבן אויף דעם וואגין. און דער נאמן מיט דעם בעל עגלה וואס זיי זענען אנטלאפין גיווארין האבין זיך מיישב גיוועזן. באשר זיי האבין גינומען פרוקלאדין ביי פריצים נאך וואס זאלין זיי זיך אום קערין אהיים. זיי קאנען קומען אין קייטן אריין. בעסער וועלין זיי דארט בלייבן (דארט ווי זיי זענען אהין אנטלאפן גיווארין) און וועלין דארט זיין איין נאמן און איין בעל עגלה.

און דער וואס האט ניט גיקאנט גיין. וואס ער איז גיבליבן אויף דעם וואגין. כל זמן ער האט נאך גיהאט די סוחרעס וואס ער האט מיט גינומען פון דער היים האט ער זיי גיגעסין. דער נאך אז דאס איז שוין אויס גיגאנגען און ער האט ניט גיהאט צו עסין. האט ער זיך מיישב גיוועזן. וואס טוט מען. האט ער זיך אראפ גיווארפין פון דעם וואגין ער זאל עסין גראז. האט ער גינעכטיגט אליין אין פעלד. אין ער איבער גישראקין גיווארין. איז ביי אים אוועק גינומען גיווארין דער כח האט ער שוין ניט גיקענט אפילו שטיין. נאר רוקין זיך. און ער פלעגט עסין דאס גראז וואס עס איז גיוועזן ארום אים. און כל זמן ער האט גיקענט דער לאנגען צום גראז און עסין. האט ער גיגעסין. דער נאך אז עס איז שוין אויס גיגאנגען דאס גראז ארום אים אז ער האט שוין נישט גיקענט דער לאנגען. האט ער זיך אוועק גירוקט ווייטער. און האט ווייטער גיגעסין. האט ער אזוי גיגעסין דאס גראז א צייט.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, דאס איז א מורא'דיגער לימוד וואס דער רבי לערנט מיט אונז: "דו האסט נישט וואס צו עסן - עס כאטש גראז". גראז איז נישט קיין עסן אבער ווען מען האט נישט עפעס אנדערש עסט מען דאס; די זעלבע איז מיט לימוד התורה, אוודאי וויל יעדער איינער פארשטיין דאס לערנען מיט א קלארקייט, אבער אז דו זעסט ווי עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג און דו לערנסט נישט, ווארט מער נישט ביז דו וועסט זיך מסדר זיין וכו', נאר הייב אן צו לערנען אויפן רבי'נס 'סדר דרך הלימוד' (המבואר בשיחות הר"ן סימן ע"ו), דער רבי זאגט אונז מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין.

א מענטש קען האבן טויזנט תירוצים פארוואס נישט צו לערנען 'איך האב נישט קיין חברותא', 'איך האב נישט קיין צייט', 'איך האב א שוואכע קאפ', אבער דער רבי זאגט: נעם א משניות - זאג אפאר פרקים, נעם א תהלים - זאג אפאר קאפיטלעך תהלים, נעם א חומש - זאג אפאר פסוקים חומש; אויף דעם איז נישט דא קיין תירוצים.

דאס זאגט אונז דער רבי: "דו האסט נישט וואס צו עסן - עס כאטש גראז", אז דו קענסט זיך נישט מסדר זיין לערנען 'געהעריג' - לערן כאטש דורכ'ן זאגן די ווערטער פון די תורה. א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון: וויפיל טעג אין יאר לערן איך? פרייטאג לערנסטו נישט ווייל עס איז דאך פרייטאג 'איך בין פארנומען...', שבת לערנסטו נישט ווייל עס איז דאך שבת..., זונטאג - קען איך נישט לערנען איך דארף טראגן מיין ווייב איינקויפן...; רעכן אויס וויפיל טעג אין יאר לערנסטו נישט, אלע פרייטאגס, שבתים און זונטאגס צוזאמען קומט אויס צו הונדערט פופציג טעג א יאר וואס דו לערנסט נישט.

דער פראבלעם איז אז עס פאסט נישט צו לערנען אויפ'ן רבי'נס סדר דרך הלימוד, 'איך בין מער פון דעם, איך וויל לערנען געהעריג', זאגט דער ראש ישיבה שליט"א טראכט אריין: נעכטן האסטו געלערנט? - ניין! היינט האסטו געלערנט? - ניין! וועסטו מארגן אויך נישט לערנען! אבער עס פאסט דיך נישט צו לערנען אויפ'ן רבי'נס דרך הלימוד...

און דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט: האסט דאך געזען ביי זיך אליין איידער דו ביסט מקורב געווארן צום רבי'ן ווי שטארק דו האסט געוואלט לערנען אבער אנעם רבי'נס דרך הלימוד איז עס דיר נישט געגאנגען, פארוואס ווערסטו דערשראקן ווען איינער שטעלט דיר אפ און זאגט דיר: "זאלסט וויסן אז זאגן הייסט נישט געלערנט... וכו'", דו ווערסט נאך נתפעל פון אים?!; איך ווייס ביי מיר איך האב היינט געלערנט, דער ברסלב'ער רבי זאגט דאס הייסט געלערנט.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער: מען קומט אריין אין א בית המדרש עס הערט זיך א 'קול תורה...' דאכט זיך ווי יעדער לערנט, די בילד זאגט אז יעדער לערנט, אבער אז דו וועסט זיך גוט צוהערן צום קול וועסטו הערן ווי מען שמועסט: "האסט געהערט די נייעס...?", "איך וועל דיר עס שיקן...", "שיק מיר דעם בילד...", "אוי מיין ווייב רופט שוין...", "מארגן וועלן מיר לערנען..." - שפעטער וועסטו הערן פון אים אפשפעטן פונעם רבי'נס דרך הלימוד...!

א מענטש וואס האט שכל קוקט נישט אויף א צווייטן, ער קוקט אויף זיך, דורך דעם רבי'נס סדר דרך הלימוד לערן איך יעדן טאג פון יאר; נעכטן פרייטאג צו נאכטס ביים באטע האט מען אויסגערופן די סיומים, עס איז געוועזן אזוי שיין צו הערן ווי

אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת צֶענְדְלִיגֶער מָאל.

רֶעדְנְדִיג פוּנֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: אִיךְ וַוייס נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין דִי וֶועלְט וִוי אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוען מֶען זָאגְט ׳חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵק׳, וַוייל אַז מֶען פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל עֶנְדִיגְט מֶען נָאךְ אַ סֵפֶר אוּן נָאךְ אַ סֵפֶר.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט: פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס דִי בִּילְד זֵייעֶר שֵׁיין וִוי יֶעדֶער אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שְׁטְרַיימְל אוֹיפְ׳ן קָאפּ אוּן דִי פֵּיאוֹת זֶענֶען שֵׁיין גֶעמַאכְט... אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט: אִין דִי אַלְטֶע יְשִׁיבָה בֶּעפָאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה ׳תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב׳ זַייעֶנְדִיג מְנַהֵל דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִים, סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ״א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה; הָאבְּן עֶטְלִיכֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים פוּנֶעם מוֹסָד גֶעמַאכְט אַן אֲסִיפָה זָאגֶענְדִיג אַז מֶען דַארְף מִיךְ אַרוֹיס וַוארְפְן פוּנֶעם מוֹסָד וַוייל אִיךְ בְּרֶענְג אַרַיין נֵייעֶ זַאכְן אִין דִי בָּחוּרִים.

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם רָב פוּן דִי קְהִלָּה דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט דֶער רָב מִיר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס אִיךְ פִיר אַיין נֵייעֶ זַאכְן בַּיי דִי בָּחוּרִים? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ׳ן רָב: אִיךְ זֶע דִי בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועלְן זֵיי כָאטְשׁ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוֹיף דֶעם וֶועג.

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע בַּיים אֲסִיפָה צוּ דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה?״ הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אָבֶּער זָאגְן פַאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ אִיז נֵייעֶ זַאכְן״...; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: דֶער אִיד אִיז אַ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר וְכוּ׳ אוּן אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אָבֶּער דָאס אִיז נֵייעֶ זַאכְן... אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אַז מֶען וַוארְט אוֹיף פְרַייטָאג אִיז מֶען לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה״.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ אוּן אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ הֶפְסֵד מִיט גֶעלְט אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶערְס חַס וְשָׁלוֹם; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען עֶס בְּחוּשׁ; אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען אָפְּאַרְבֶּעטְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן סוֹף וָואךְ גֵייט זַיין גַאנְצֶע גֶעהַאלְט צוּ בַּאצָאלְן טִיקֶעטְס, זַיין קַאר בַּאקוּמְט אַ קְרִיץ וְכַדוֹמֶה, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אַלֶעס הָאט אִים פַּאסִירְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה.

מִיר הָאבְּן הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן ׳סֵפֶר בַּמִדְבָּר׳, מָארְגְן זוּנְטָאג הֵייבְּן מִיר אָן ׳סֵפֶר דְבָרִים׳, וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט ׳חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה׳.

דֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר פוּן דִי יְשִׁיבָה וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט צוּ דִי בָּחוּרִים: אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֶעבְּן וִויפִיל גֶעלְט אִיר ווִילְט אוֹיבּ אִיר וֶועט אַרוֹיס גֵיין אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט אֵייְנְמָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט ׳חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה׳; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: דָא קֶענֶען מִיר נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן שׁוּל פְרֶעגְן, וַוייל אִינְדְרוֹיסְן וואוֹינֶען נִישְׁט קַיין אִידְן, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַ גַאסְט פְּרוּבִיר אִים צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט ׳סֵפֶר בַּמִדְבָּר׳... אָדֶער וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאכְ׳ן זוּמֶער פְרֶעג דַיינֶע חֲבֵרִים: ״הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט בְּרֵאשִׁית, שְׁמוֹת, וַיִקְרָא, בַּמִדְבָּר?!״ וֶועט עֶר דִיר עֶנְטְפֶערְן: ״נֵיין״!

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט וָואס מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער חִגֵר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן גְרָאז וְכוּ׳, אָבֶּער צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעוָוארְן אוֹיס הִינְקֶעדִיג; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען טוּט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז - וֶועט מֶען צוּם סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אַמָאל אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרַייטִיכְץ וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ נִיט גִיגֶעסִין. אִיז אִים דָאס קְרַייטִיכְץ זֵייעֶר גְפֶעלִין מַחְמַת עֶר הָאט גִיגֶעסַן אַ לַאנְגֶע צַייט קְרַייטֶכְצֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גִיקָאנְט. אוּן אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ. הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט עֶס אוֹיס רַייסִין מִיט דֶעם וָוארְצִיל. אִיז גִיוֶוען אוּנְטֶערִין וָוארְצִיל אֵיין דוּמִיט.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳נְס ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ פִילְט מֶען וִוי מֶען קֵייט שְׁטְרוֹי, מֶען עֶסְט גְרָאז, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערִין, אָבֶּער מִיט צַייט הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער, טְרֶעפְט מֶען אַ דִימַאנְט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶערֶעדְט פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אָבֶּער אִיךְ קוּם אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אוּן אִיךְ זֶע וִוי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען מַשְׁלִים דִי סֶדְרָה, זֶע אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט גֶענוּג גֶערֶעדְט דֶערְפוּן; לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט: ׳אִיךְ הוֹיבּ אָן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ׳.

דִי וָואךְ אִיז דָא צְוֵויי סִדְרוֹת מַטּוֹת אוּן מַסְעֵי גֶעדוֹיעֶרְט עֶס לֶענְגֶער וִוי סְתַּם אַ וָואךְ, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, דַארְף מֶען זֶען אָנְצוּהֵייבְּן וִוי פְרִיעֶר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג בֵּיידֶע פַּרְשִׁיוֹת. וֶוען עֶס גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת צוּזַאמֶען פִיר אִיךְ זִיךְ עֶס צוּ עֶנְדִיגְן פְרִיעֶר וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע וָואךְ, אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט לָאזְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן לֵיצִים, בַּאלְד גֵייסְטוּ אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ

פְרֶעגְט דִיךְ אֵיינֶער: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?! וָואס רֶעדְט מֶען דָארְט פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?!" גֶעבְּט עֶר אַ מַאךְ מִיט דִי הֶענְט 'בֶּעעעעע...' אוּן דוּ וֶוערְסְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן צֶעפַאלְן.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ וֵוייס וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט; אִיךְ הֶער אוֹיס וָואס יֶענֶער הָאט צוּ זָאגְן אוּן אִיךְ בִּין מַסְכִּים מִיט אִים, אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט; אַז אֵיינֶער קוּמְט פְרֶעגְן אוּן וִויל הֶערְן - רֶעד אִיךְ מִיט אִים, אָבֶּער אַז עֶר וִויל מִיר אוֹיפְוַוייזְן אוּן אִיבֶּער וַוייזְן "בְּרֶסְלֶב אִיז נֵייעֶ זַאכְן..." - אִיז מִיר אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן שְׁפֵּייעֶכְץ, אִיךְ קֶען יֶעצְט אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ טַעֲנָה'עֶן מִיט דִיר, פְרֶעג אִים צִי עֶר הָאט שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעעֶנְדִיגְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה...; עֶר קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי אַ חַסִיד'שֶׁער אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ רֶעזְשְׁוָואלְקֶע אוּן אַ וַוייסֶע וֶועסְטְל - אָבֶּער עֶר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה אִין זַיין לֶעבְּן!

אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיס צוּ קוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ; וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: יֶעדֶע פָּארְפָאלְק זֶענֶען אַ צוּזַאמְשְׁטֶעל פוּן צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּבֶּער, דֶער מַאן קוּמְט פוּן אֵיין סָארְט לֶעבְּן אוּן דִי וַוייבּ קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע סָארְט לֶעבְּן, אִין אָנְהֵייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען נָאךְ בֵּיידֶע זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ לֶעבְּן נַאטִירְלֶעךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריְקֵייטְן, דֶער מַאן וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דֶער מַאן, יֶעדֶער אִיז צוּגֶעוואוֹיְנְט צוּ זַיין סָארְט לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הֶערְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוּן הָאבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט נָאר וואוּ עֶר קֶען צֶעבְּרֶעכְן נָאךְ אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁרֵייט אוֹיף זַיין וַוייבּ: "אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ טוּט מֶען נִישְׁט אַזוֹי..." עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אַלֵיינְס טוּט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער פוּן אִיר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט יֶעצְט אַ 'אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ', אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ שְׁרֵייט מֶען נִישְׁט.

פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "וָואס אִיז אַז דִי טְשׁוּלְנְט אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶעבְּרֶענְט?! אַז דוּ וִוילְסְט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה פוּן טְשׁוּלְנְט קֶענְסְטוּ טְרִינְקְן אַ הֵייסֶע קַאוֶוע; וַוייל דִי גַאנְצֶע טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן טְשׁוּלְנְט אִיז צוּ וַוייזְן אַז מִיר הַאלְטְן נִישְׁט וִוי דִי צְדוֹקִים וָואס אַסְרְ'ן דָאס עֶסְן וַוארֶעמְס אוּם שַׁבָּת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רנז, סְעִיף ח' בְּהַגָּה), אוּן דָאס קֶענְסְטוּ יוֹצֵא זַיין מִיט קַאוֶוע אוֹיךְ". צְוֵוייטְנְס, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז דִי טְשׁוּלְנְט הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט? דִי וַוייבּ?...; אוּן אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן טְשׁוּלְנְט פְרֶעג אִיךְ דִיר בִּיסְט אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דַיין טְשׁוּלְנְט, טְשׁוּלְנְט אַרוֹיף, טְשׁוּלְנְט אַרָאפּ, וִויפִיל עֶסְט מֶען דֶען דֶערְפוּן, אַפָּאר בּוּנְדְלֶעךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת!

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: אַז דוּ זוּכְסְט דַוְקָא צוּ עֶסְן 'טְשׁוּלְנְט' קֶענְסְטוּ יוֹצֵא זַיין מִיטְ'ן תַּם'ס טְשׁוּלְנְט; וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ח, מֵחָכָם וְתָם) עֶר הָאט גִיהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן צוּם וַוייבּ: "מַיין וַוייבּ, גִיבּ מִיר עֶסִין", הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיזָאגְט: "גִיבּ מִיר דִי יוֹךְ מִיט קַאשֶׁע". הָאט זִי אִים אָפּ גִישְׁנִיטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסִין. אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דִי יוֹךְ אִיז". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבִּין פְלֵייש. הָאט זִי אִים ווִידֶער גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסִין. אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן הָאט גִיזָאגְט: "וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס פְלֵייש אִיז". אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִיהֵייסִין גִיבְּן אוּן פַאר אִיטְלִיכְן מַאֲכָל וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבִּין הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט. אוּן עֶר הָאט דֶערְפוּן זֵייעֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט דָאס גִירֶעכְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט סֶע אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט עֶס מַמָּשׁ גִיגֶעסִין. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת פִילְן אִין דֶעם בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין דֶעם טַעַם פוּן כָּל הַמַּאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט. מַחְמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיכְקַייט הָאט עֶר גִיפִילְט דֶעם טַעַם אִין בְּרוֹיט גְלַייךְ וִוי עֶר עֶסְט כָּל הַמַּאֲכָלִים".

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר צוּפְרִידְן אֲפִילוּ מִיט אַ שְׁטִיקְל חַלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער תָּם, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - קֶענְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע מַאֲכָלִים, דִי שׁוֹר הַבּוֹר מִיט דִי לִוְיָתָן אוּן עֶר וֶועט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן.

גֵיי אַהֵיים רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. גֵיי אִין אַ זַייט זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּ תְּשׁוּבָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): פַארְוָואס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כַּסֵּדֶר? וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וִויל עֶפֶּעס, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט - דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס כַּסֵּדֶר.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר; מִיר אַלֶע הִינְקֶען אוּנְטֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן זַיין הַאנְט אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין רֵיין בָּרוּחָנִיּוּת, אִיךְ קֶען גֵיין אָן שְׁוֶועריְקֵייטְן", אַלֶע דַארְפְן מִיר אַ יְשׁוּעָה בְּרוּחָנִיּוּת, דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן וָואס מֶען קֶען יָא.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶסְן כָאטְשׁ גְרָאז, וֶועלְן מִיר וֶוערְן אוֹיס הִינְקֶעדִיג אוּן טְרֶעפְן דֶעם דֵיימַאנְט.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחִיגֵר - חֵלֶק ג'

(פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי תש"פ לפ"ק)